

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פרשת תרומה
תשע"ח לפ"ק
גליון ו'

## שאלה

### פארוואס זאל איינער הנאה האבן פון דער וועלט היינט, ווען ער ווייסט אז עולם הבא איז מער געשמאק?

**ענטפער:**

פארוואס נישט?!

אויב עס וועט דיר שטערן – לאמיר זאגן, אז אויב דו עסט אין די לאבי וועט עס שעדיגן דיין אפעטיט; דו האסט מורא אז אויב וועסטו זיך אנעסן מיט ביליגע געבעקסן אין די לאבי, און דאן ווען די צייט קומט צו עסן די טייערע מאכלים וואס מען סערווירט אין די חתונה-זאל וועסטו שוין נישט האבן קיין אפעטיט – זאלסטו זיכער נישט שעדיגן דיין אפעטיט אויף גארנישט.

אבער לאמיר זאגן אז עס איז נישט קיין סתירה, דאן פארוואס נישט? ספעציעל אויב דו וועסט נעמען וואס דער וועלט האט דיר פארצושלאגן און דו וועסט מאכן זייער an ערליכע ברכה, און וועסט זיין פרייליך מיט הכרת הטוב צו הקב"ה, איז נישט בלויז ביזטו בארעכטיגט הנאה צו האבן פון דער וועלט, נאר דאס וועט דיר ברענגען מער עולם הבא, און דאס איז א חלק פונעם "התקן עצמך", דאס איז א חלק פון די צוגרייטונגען, צו ריכטיג הנאה האבן פון די זאכן אויף דער וועלט, און דאנקען השי"ת! דאס איז איינע פון די גרויסע זאכן.

"כל האומר שירה בעולם הזה" – אויב דו זינגסט צו השי"ת אויף דער וועלט, און דו דאנקסט אים פאר אלע גוטע זאכן וואס דו האסט דא, "זוכה ואומר לעולם הבא" – וועסטו קענען זאגן שירה אין עולם הבא. דעריבער, איז עס פונקט פארקערט, אויב דו וועסט הנאה האבן ריכטיג.

עס איז יעצט פרילינג, און ווען די זון וועט שיינען מארגן, אדער אפילו עס וועט רעגענען מארגן, איז עס א הערליכע פרילינג-רעגן, נישט צו קאלט, נישט צו הייס. גיי ארויס און אטעם אריין די פרילינג לופט, און זאג צו הקב"ה מיר דאנקען דיר אז דו האסט אונז געגעבן לעבן!! "ברוך אתה השם המחזיר נשמות לפגרים מתים" - אז דו האסט אונז געגעבן נאך א טאג פון לעבן, צו הנאה האבן און צו אטעמען, צו עסן און צו זעהן אלע וואונדערליכע זאכן פון די בריאה, און דו דאנקסט הקב"ה.

נישט בלויז "פארוואס נישט?!" נאר דו זאלסט עס טון, און דאס וועט זיין די "התקן עצמך בפרוזדור"

## שאלה

### וואס זאל א מענטש טראכטן ווען ער גייט ל"ע צו ניחום אבלים?

**ענטפער:**

דער מענטש גייט זיי זאגן ווערטער, ער מורמלט די ווערטער "המקום ינחם אתכם"; עס איז אבער א ווייטאג אז ער טראכט נישט וואס ער זאגט און זיי טראכטן אויך נישט וואס ער זאגט, אבער באמת איז עס זייער וויכטיגע ווערטער. ער זאגט "מיר זענען אלע אבלים". מיר זענען אלע אבלים! מיר טרויערן אויף ירושלים. וויאזוי קענען מיר זיין פרייליך ווען ירושלים איז אין די הענט פון גוים, די בית המקדש שטייט נישט, מלכות בית דוד איז נישט דא, די שכינה איז אוועק פון אונז, מיר טרויערן אלע. דאס איז זייער א וויכטיגער לימוד!

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

איז ווען דו טרייסט אים זאגסטו "נאך אלעם איז צרת רבים חצי נחמה", אויב יעדער איינערליידט, איז דיין ליידן בלויז א חלק פון א נאטורליכע, אלוועלטליכע מיטמאכעניש פון אונזער גאנצע פאלק, מיר זענען אלע טרויעריג.

יעצט, עס שטייט "טוב ללכת אל בית האבל מלכת אל בית המשתה" - עס איז בעסער צו גיין צו א הויז פון אן אבל, ווי צו גיין צו א חתונה. ווען דו גייסט צו א חתונה, קומען אסאך מענטשן ארויס פון די חתונה אנגעטרינקען, אסאך קומען ארויס צעמישט, פארפאטשקעטע צייט, ליצנות; אודאי דארף עס נישט זיין אזוי, אבער עס קען זיך מאכן. ווען דו גייסט אבער צו א הויז פון אן אבל דאן איז "והחי יתן אל לבו", דו לערנסט דער לימוד פונעם לעבן אז דער וועלט איז בלויז א "פרוזדור לפני העולם הבא", דער וועלט איז בלויז א פארצימער, א לאבי בעפאר די קומענדיגע וועלט. דאס איז א אויסטערלישע לעקציע, אז מיר זענען דא אין דער וועלט בלויז זיך צוצוגרייטן פאר אונזער קאריערע. אונזער עיקר קאריערע איז בלויז אין עולם הבא.

איז ווען דו גייסט ארויס פון דעם הויז פונעם אבל, טראכסטו אז פון יעצט אן וועל איך אנהייבן ווערן "ביזי"! ווילאנג איך קען נאך גיין, איך קען נאך גיין! איך גיי אויפטון עפעס פאר מיר ווילאנג איך לעב נאך!

אצינד לייג צו קאפ צו דעם קומענדיגן געדאנק: ווען דו גייסט ארויס פון די הויז פונעם אבל - "החי יתן אל לבו" – דו זאלסט טראכטן ווי מזל'דיג בין איך אז איך לעב נאך, און איך קען טיף אריינאטעמען. אהההה, עס איז א פארגעניגן צו אטעמען לופט, עס איז א פארגעניגן צו זעהן די זון שטראלן, "טוב לעינים לראות את השמש", עס איז א מחי' צו לעבן, די גליקליכקייט פון זיין צווישן די לעבעדיגע. ווען דו גייסט ארויס פונעם בית האבל דארפסטו מיטנעמען א נייע לימוד אויפ'ן לעבן, א נייע פארשטאנד אויף די "שמחת החיים".

רוב מענטשן גלייכן נישט דעם געדאנק. דו גייסט ארויס פון הויז פון אן אבל און דו ווערסט גאר פריילעכער? אבער דאס איז איינס פון די גרעסטע לימודים. אויב דו פארשטייסט נישט ווי גליקליך דו ביזט אז דו לעבסט אויף דער וועלט, פארפאסטו א ריזיגע לעקציע פון חסדי השם.

## שאלה

## אויב איך הער וועגן א טראגעדיע וואס האט פאסירט צו א גוי, איז עס א גוטע מדה צו שפירן שלעכט פאר אים?

## ענטפער:

ס'איז דא צוויי מדרגות אין מיטגעפיל. לאמיר זאגן, אז עפעס פאסירט חלילה צו דיין ברודער – א קליינע זאך – וואלסטו געהאט צו אים מער מיטגעפיל ווי דו וואלסט געהאט ווען עס פאסירט צו א פרעמדן? יא, זיכער. יעדער איד איז דיין ברודער. צו דיין ברודער דארפסטו האבן מער סימפאטיע. יעצט, פאר א פרעמדן אויך? יא. אפילו א קאץ ווען עס ווערט איבערגעטרעטן איז עס צער בעלי חיים, עס איז א צער, זינט עס איז א לעבעדיגע זאך.

ווען דו זעהסט אן אמבולאנס דורכפארן אדער דו הערסט א סיירין, איגנאריר עס נישט. דו זאלסט זאגן "אויב ס'איז פאר א איד ח"ו, זאל ער האבן א רפואה שלימה". האסטו שוין אמאל געטראכט אזוי?

איז איינער האט מיר געפרעגט: "און אויב איז עס א גוי?" האב איך געענטפערט - "אויב א גוי שטייט דארט, וואלט א גוי עס געזאגט". שטעל דיך פאר איך בין אן איטאליענער, וואלט איך געזאגט - "אויב ס'איז אן איטאליענער זאל ער האבן א רפואה שלימה?" זיי זאגן עס נישט. אויב אזוי פארוואס זאלן מיר עס זאגן פאר זיי? מיר גייען זיך נישט זארגן פאר זיי. אויב איז דא אן איטאליענער אין אן אמבולאנס, און דא שטייט אן אנדערע איטאליענער, וואלט ער געזאגט ער זאל האבן א רפואה שלימה? א נעכטיגן טאג. דאן פארוואס זאל איך עס זאגן? אבער דאך, ס'איז א רחמנות.

איך בין אמאל געשטאנען אויף א גאס און א קאר איז געווען פארקירט. די קאר איז געווארן לויז און האט אנגעהויבן זיך צו ראלן אויפ'ן סיידוואלק, און א שווארצע אינגל איז געשטאנען דארט. איך האב אנגעהויבן צו שרייען צו דעם שווארצן קינד "רוק דיך אוועק!" איך האב געראטעוועט זיין לעבן. איך האב נישט קיין חרטה. ס'איז צער בעלי חיים. איך זאל צוקוקן ווי א שווארצע קינד ווערט אראפגעהאקט? איך האב אים נישט צו שטארק ליב. ער איז נישט מיין ברודער. אבער דאך איז עס א רחמנות. איך וואלט נישט מחלל געווען שבת פאר אים. מען טאר נישט מחלל שבת זיין פאר א גוי. אבער פאר א איד דארף מען מחלל שבת זיין! עס איז דיין ברודער! אחיך! דיין ברודער איז אנדערש. אבער זיכער דארף מען רחמנות האבן אויף אלע מענטשן. "ורחמיו על כל מעשיו" – דער אויבערשטער האט רחמנות אויף אלע באשעפעניש.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות